# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת **תצוה** תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 473



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## פון הימל העלפט מען זיך מחזק זיין

**"וְאַתָּה תְּדַבֵּר אֶל כָּל חַכְמֵי לֵב אֲשֶׁר מִלֵּאתִיו רוּחַ חָכְמָה וְעָשׂוּ אֶת בִּגְדֵי אַהֲרֹן לְקַדְּשׁוֹ לְכַהֲנוֹ לִי" (כח ג)**

רבי מאיר פון קאלאשין זאגט: דער 'חכם לב' וואס וויל זיך מחזק זיין און שטייגן אין עבודת ה', איז פארזיכערט אז מען וועט אים העלפן פון הימל, און עס וועט מקוים ווערן ביי אים דער פסוק: "אֲשֶׁר מִלֵּאתִיו רוּחַ חָכְמָה", אזוי ווי חז"ל זאגן (יומא לט ב): "אדם מקדש עצמו מעט - מקדשים אותו הרבה".

'נהר שלום'

## וואו איז געווען כלאים ביי די כתונת

**"וְשִׁבַּצְתָּ הַכְּתֹנֶת שֵׁשׁ וְעָשִׂיתָ מִצְנֶפֶת שֵׁשׁ וְאַבְנֵט תַּעֲשֶׂה מַעֲשֵׂה רֹקֵם" (כח לט)**

אין דער פיוט "אבל אשמים אנחנו" וואס ווערט געזאגט ביי אסאך קהילות אינמיטן תפילת מוסף פון יום כיפור, זאגט מען: "טהר הכתונת ארוגה פשתים וצמר, חטא זריעת כלאים לכלת ולגמר". לכאורה אין אונזער פסוק שטייט קלאר אז די כתונת איז געמאכט געווארן נאר פון 'שש' דאס איז פשתן, אויב אזוי פארוואס זאגט דער פייטן אז די כתונת איז געמאכט געווארן פון צמר ופשתים. נאך איז שווער, מיר האבן געלערנט אין מסכת זבחים (פח ב) אז די כתונת איז מכפר אויף שפיכות דמים, איז פון וואו האט דער פייטן ארויס געלערנט אז דאס איז מכפר אויף "חטא זריעת כלאים"?

דער **'חתם סופר'** ברענגט אין נאמען פון דער חכם רבי וואלף הייזנהיים אז דער בעל הפיוט האט געבויעט זיינע ווערטער אויף דעם וואס עס ווערט געברענגט אין ילקוט שמעוני (צו רמז תקיג): "כתונת מכפר על זורעי כלאים מפני שהיתה מצמר ופשתים". כאטש אין פסוק שטייט אז די כתונת איז געווען פון פשתן אליין, אבער ווייל מ'האט עס נישט געקענט אויסטון אן אויסטון פון פריער די מעיל וואס איז פון צמר, ווערט עס גערעכנט ווי 'שעטנז'. אזוי ווי דער רמ"א ברענגט (יו"ד ש ד) בשם 'יש אומרים' אז מען מעג נישט אנטון א בגד צמר אויף א בגד פשתן, און אויך פארקערט, אויב מען קען נישט אויסטון דעם אונטערשטן בגד אן דעם אויבערשטן.

'תורת משה'; קובץ תשובות 'חתם סופר' סי' מח

## דער קרבן התמיד איז מכפר

**"וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַל הַמִּזְבֵּחַ כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד" (כט לח)**

כאטש די תורה שרייבט נישט אז דער קרבן התמיד איז מכפר אויף א זינד, דאך רופט אן די גמרא (יומא לג ב) דעם קרבן התמיד אלס "מכפר". און רש"י ערקלערט (שם ד"ה אע"ג) אז די עולת התמיד איז מכפר אזוי ווי יעדע קרבן 'עולה' - אויף 'ביטול מצות עשה' און אויף 'לאו הניתק לעשה'.

מיט דעם וועט מען פארשטיין דער נוסח פון די 'יהי רצון' וואס מען זאגט פאר די 'פרשת התמיד': "שתרחם עלינו ותמחול לנו על כל חטאתינו ותכפר לנו על כל עוונותינו ... **ונקריב לפניך קרבן התמיד שיכפר בעדנו**", ווייל ווי געזאגט, איז דער קרבן תמיד מכפר ווי א קרבן עולה.

'מגדים חדשים'

## מאה ברכות לריח ניחוח

**"וְהִקְטַרְתָּ אֶת כָּל הָאַיִל הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה הוּא לַה' רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַה' הוּא" (כט יח)**

הגה"צ **רבי יעקב מאיר שעכטער** ראש ישיבת 'שער השמים' זאגט:

מיר טרעפן אין זוהר הק' (עקב רעא א) אז מיטן זאגן א ברכה איז דער מענטש משפיע אסאך שפע אויף זיך און אויף דער גאנצער וועלט. אויף דעם זאגט דער פסוק (שמות כ כא): "בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי", אין יעדע פלאץ וואס איך האב באפוילן צו דערמאנען מיין נאמען ביי א ברכה, אויב דו וועסט אזוי טון "אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ". דער זוהר איז ממשיך און שטעלט צוזאם דער פסוק "אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי" וואס שטייט אויף זאגן ברכות צו דער פסוק (תהלים כ ג): "יִזְכֹּר כָּל מִנְחֹתֶךָ", דיך צו לערנען אז יעדע ברכה ווערט גערעכנט ווי א מנחה.

א רמז אויף דעם אז יעדע ברכה ווערט גערעכנט ווי א מנחה לריח ניחוח לה', קענען מיר לערנען פון דער פסוק: "רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַה' הוּא" - איז גימטריה 'מאה ברכות'.

'המברך יתברך' עמ' כד

# פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## 'ונהפוך הוא' בעניית אמן

מיר שטייען סמוך ונראה צו די טעג פון פורים הבעל"ט, אינמיטן דער "חודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב" (אסתר ט כב). אין דעם חודש איז פאסיג מיר זאלן געדענקען אז יעדער פון אונז האט אין די האנט דער 'קונץ שטעקן' וואס האט דער כח איבערדרייען פון יגון לשמחה, און פון אבל ליום טוב און א גזרה אויף א ישועה.

אמן איז דער 'קונץ שטעקן' וואס האט דער כח צו שאפן ישועות, דער אויבערשטער האט עס אונז געגעבן, און פון אונז פארלאנגט מען נאר עס 'טעטיג' מאכן, יא! אמן האט דער כח צו טוישן די מציאות, ברענגען א ישועה און איבערדרייען שלעכט'ס אויף גוט, און מיט יעדן אמן וואס קומט צו - וואקסט די ישועה.

אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהושע בן לוי: כל העונה 'אמן יהא שמיה רבא מברך' בכל כחו - קורעין לו גזר דינו". אין זוהר הקדוש (תיקו"ז מ א) איז פארהאן א ענליכע הבטחה פאר יעדער וואס ענטפערט "אמן" אליין, ווייל אזוי טרעפן מיר דארט: "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה" (ראה 'שומר אמונים' מאמר פתחו שערים א).

בפשטות, ווען דער זוהר כאפט אן "קורעין לו גזר דין של שבעים שנה" איז זיין כוונה אויף די אלע יארן פון א מענטש אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צ י): "ימי שנותינו בהם שבעים שנה". דאס מיינט צו זאגן: דער וואס איז גע'אורטייל'ט צו ליידן א גאנץ לעבן, אין זכות פון ענטפערן "אמן בכל כוחו" קען ער מבטל זיין די אורטייל און זוכה זיין צו א גוטע לעבן.

איך האב אבער געטראכט אז דא ליגט באהאלטן נאך א הבטחה: דער וואס ענטפערט אמן איז מבטל פון זיך די גזירה פון "ימי שנותינו בהם שבעים שנה", און איז זוכה צו מאריך ימים זיין מיט א גוטן עלטער, אזוי ווי די חכמים האבן צוגעזאגט (ברכות מז א) אז יעדער וואס איז מאריך ביים ענטפערן אמן "מאריכים לו ימיו ושנותיו".

מיין עלטערער ברודער הרה"ג רבי אהרן צבי הי"ו האט צוגעלייגט צו דעם א רמז פון דעם מאמר חז"ל (ביצה טו ב) וואס אסאך פארבינדן עס צו חודש אדר: "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר", און רש"י ערקלערט (שם ד"ה יטע) אז "אדר" איז טייטש "אילן חשוב". עס איז באקאנט אז "אילן" איז בגימטריה "אמן", און עס קען זיין אז די חכמים האבן מרמז געווען אז אין ענטפערן אמן ליגט באהאלטן דער כח פון חודש אדר "אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב".

אויב מיר וועלן מקפיד זיין און פארמערן צו ענטפערן אמן, וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן פון יעצט און ווייטער נאר טובה וברכה, און אויך אלע פראבלעמען פון ביז אהער וועלן איבערגעדרייט ווערן לישועה ולנחמה.

**מיט א רוף פון "ונהפוך הוא"**
**גוט שבת און א פרייליכן פורים**

יעקב דוב מארמארשטיין

# א ברכה וואס 'האט באשאפן' נפשות

נאך דעם שרעקליכן חורבן, אין וועלכער ער האט פארלוירן כמעט זיין גאנצע משפחה, איז האדמו"ר רבי שלמה פון באבוב צוריקגעקומען צו זיין געבורט'ס שטאט, און געטראכט צו טרעפן די רעשט פארבליבענע פון דעם הערליכן חסידות, וואס ביז איסברוך פונעם חורבן איז עס געפירט געווארן דורך זיין הייליגן פאטער, האדמו"ר רבי בן ציון פון באבוב הי"ד, און אין די יארן פון חורבן איז עס כמעט ווי פארניכטעט געווארן.

דאס גאנצע וואס דער רבי האט געפונען אין זיין שטעטל איז געווען דרייצן יונגע יתומים'לעך, וואס איז זיי געלונגען בלייבן ביים לעבן. דער רבי וואס האט פארלוירן זיינע עלטערן און געשוויסטער, זיין ווייב און צוויי קינדער אינעם חורבן, און איז געבליבן אליין מיט זיין יונגן זון זיין שפעטערדיגער ממשיך דרך האדמו"ר רבי נפתלי צבי, האט באשלאסן זיך אפגעבן מיט די 'יתומים'לעך, און זיין פאר זיי ווי א טאטע און מאמע.

שפעטער, ווען דער רבי האט דערהערט דעם רוף פון א גרופע חסידים וואס זענען אנטלאפן קיין אמעריקע נאך פאר דער מלחמה, ער זאל קומען אויפשטעלן פון דאסניי די באבוב'ע אימפעריע אויפן אמעריקאנער באדן, האט דער רבי גענומען מיט זיך די דרייצן יתומים.

דער רבי האט געשטרעבט צו גרינדן אין אמעריקע א הייליגע ישיבה מיט די חסידישע באבוב'ע גייסט, און עס איז זייער נאטורליך אז די ערשטע בחורים אין די ישיבה וואס ער


כ"ק האדמו"ר רבי שלמה מבאבוב

וועט גרינדן וועלן זיין די דרייצן בחורים. דער ערשטער 'אמעריקאנער געבוירענער' תלמיד וואס האט זיך איינגעשריבן אין דער ישיבה איז געווען א זעכצן יעריגער בחור מיטן נאמען 'זושא'. זושא איז געווען א זון פון איינע פון די באבובער משפחות וועלכע האבן זיך באזעצט אין אמעריקע קורץ פארן איסברוך פונעם חורבן, ביז יעצט האט ער געלערנט אין ישיבה 'תורה ודעת' אין וויליאמסבורג, און ווען דער רבי האט געגרינדעט זיין ישיבה, האבן זיינע עלטערן אים אריבערגעפירט ער זאל דארט לערנען.

זושא איז געווען דער ערשטער וואס האט זיך איינגעשריבן, און נאך אים האבן זיך אנגעשלאסן נאך אסאך גוטע בחורים אין דער ישיבה, און דער חסידישער ישיבה, וואס האט אין אנהויב איסגעזעהן ווי א מאדנע ערשיינונג אויף דעם גשמיות'דיגן אמעריקאנער באדן, איז געוואקסן און געבליהט.

אין די ערשטע יארן פלעגט דער רבי עסן מיט די תלמידי הישיבה, און האט מיטגעהאלטן אלע זייערע פראבלעמען און זארגן, אזוי האט זיך געשאפן א בונד צווישן אים און זיינע ערשטע תלמידים, און בפרט די ערשטע פון די ערשטע - און פארשטייט זיך אז זושא צווישן זיי.

זינט דעמאלט זענען דורכגעגאנגען אסאך יארן.

א אייגנארטיגער מנהג האט זיך געפירט דער באבובער רב, צו פייערן דעם טאג פון 'שושן פורים' צווישן זיינע חסידים מיט פרייד און התלהבות אזוי ווי פורים אליין. שושן פורים אינדערפרי, נאכן דאווענען, פלעגט דער רבי באזוכן די קרובי' משפחה, און שפעטער פלעגט ער באזוכן אין די הייזער פון עטליכע פון זיינע חסידים, ווען עס באגלייטן אים עטליכע חסידים יחידי סגולה.

דער רבי האט זייער גוט געוואוסט די געברויכן און ענגשאפטן פון זיינע חסידים, און ביי די זעלטענע באזוכן פלעגט ער שענקען ברכות און חיזוק פאר די חסידים וואס האבן זיך געוויטיגט אין דעם. אסאך פון זיי האבן געזען גרויסע ישועות נאך די וויזיטן.

דער רבי פלעגט אריינגיין אין די הייזער און מיט התלהבות אויסרופן 'גוט יום טוב! גוט יום טוב', ווען ער שטראלט פון א אינערליכע פרייד און ליבשאפט. ווען ער פלעגט זיך אונטערזינגען 'א גוט יום טוב, א גוט'ן פורים', פלעגט זיך דער רבי אראפזעצן ביים טיש. דער בעל הבית האט דערלאנגט לעקך און טרינקען, די חסידים וואס האבן באגלייט דעם רבי'ן פלעגן זיך אויך זעצן צום טיש. דער רבי האט אויפגעשניטן דעם לעקך, אנגעגאסן פון די משקה אין די גלעזער, און יעדער פון די חסידים אין זיין רייע איז גערופן געווארן צו באקומען פון די רבי'נס הענט.

נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט אויסטיילן פאר אלע אנוועזנדע, האט ער געמאכט א ברכה און געטרונקען נאר אביסל, כדי נישט אריינצוגיין אין א ספק חיוב 'ברכה אחרונה', און נאכן זאגן 'לחיים', פלעגן אלע אנוועזנדע אויסברעכן אין געזאנגען און טאנצערייען, וואס האט געדויערט עטליכע מינוט, און דערנאך האט מען פארגעזעצט צום קומענדיגן אדרעס...

אין די יאר וואס אונזער געשיכטע איז פארגעקומען, נאכדעם ווי דער רבי האט פארענדיגט די ליסטע וויזיטן, האט דער רבי זיך געוואנדן שטילערהייט צום גבאי'ן און געבעטן צו מאכן 'נאך איין וויזיט'. דער גבאי האט זיך פאראינטערעסירט, 'ביי וועמען?', און דער רבי האט געענטפערט: "ביי ר' זושא".

ר' זושא האט שוין דעמאלטס געדינט אלס ראש ישיבה אין דער באבובער ישיבה, און ווען די חסידים האבן געהערט אז דער רבי גייט אים באזוכן, זענען זיי געווארן נייגעריג. זיי האבן זייער גוט מיטגעהאלטן מיט ר' זושא'ס ווייטאג, אז עס זענען שוין פארביי ניין יאר פון זיין חתונה טאג און ער איז נאכניש געהאלפן געווארן מיט קינדער, און ווען דער רבי האט געמאלדן אז ער וויל אים גיין באזוכן אין זיין שטוב, האבן די חסידים פארשטאנען אז דער רבי וויל יעצט ממשיך זיין א ישועה פאר אים און זיין שטוב.

ווידער האבן זיך די חסידים אוועקגעזעצט ארום די טיש. דער רבי האט געשניטן דעם לעקך וואס מען האט געשטעלט פאר אים, און זיין פנים האט געלויכטן מיט א ספעציעלע ליכטיגקייט. ווען ר' שמואל, דעם רבי'נס איבערגעגעבענער גבאי, איז צוגעגאנגען צום רבי'ן צו באקומען זיין שטיקל, האט אים דער רבי געבעטן ער זאל צוגרייטן א גלעזל טיי.

די בקשה איז געווען זייער א אויסערגעוועונליכע בקשה, ווייל ווי דערמאנט, אין די אלע הייזער וואס דער רבי האט באזוכט האט ער שטענדיג געטרינקען נאר א קליינע שליג. דער געטרייער גבאי האט זיך אבער געאיילט ערפילן דעם רבי'נס בקשה.

נאכדעם וואס דער רבי האט פארענדיגט אויסטיילן די שטיקלעך לעקך פאר אלע אנוועזנדע, האט ער נאכאמאל אנגערופן ר' שמואל. די חסידים האבן געמיינט אז דער רבי האט פארגעסן אז ר' שמואל האט שוין באקומען א שטיקל, און האבן דערמאנט דעם רבי'ן, אבער דער רבי האט געזאגט: "ער דארף נאך..." און טאקע אזוי, דער געטרייער גבאי האט געדארפט נאך... דער געטרייער גבאי האט געהאט איין איינציגער זון און ער האט געוואלט זוכה זיין צו נאך קינדער.

אצינד האט דער רבי זיך אויסגעדרייט צו די גלעזל טיי וואס האט שוין געהאט צייט זיך אפצוקילן... ער האט גענומען דאס גלעזל אין דער האנט, געזאגט א ברכה און געטרינקען האלב, דערנאך האט ער געגעבן א בליק אויף ר' זושא און ר' שמואל, און געזאגט הויך, מיט רגש און פרייד די ברכה אחרונה.

"בורא נפשות רבות" - האבן די ווערטער אפגעקלינגען אין צימער און אויפגעציטערט די הערצער.

דער רבי' איז געווען ווי אין די עולמות העליונים, זיין פנים האט געלויכטן מיט א הייליגן פייער, און די אויגן זענען געווען פארמאכט. די אויגן פון די חסידים זענען געווען צוגענאגלט צום רבי'נס צורה וואס האט ארויסגעזאגט די ווערטער פון די ברכה מיט א ספעציעלן געשמאק, איינס נאכן אנדערן ביז צו די סוף פון דער ברכה.

נאכן ענדיגן די ברכה איז געהערט געווארן 'אמן' פון די מויל פון אלע אנוועזנדע, אויף א הויך קול און מיט גרויס כוונה.

נאכדעם האט דער רבי זיך געוואנדן פארזעצן זיין עבודת היום. אבער די מעשה איז נישט פארגעסן געווארן פון די זכרון פון די חסידים.

א יאר שפעטער האט ר' שמואל מיט זיין ווייב געהאלטן נאך א יונגל, און א צייט שפעטער איז ר' זושא מיט זיין ווייב געהאלפן געווארן מיט זייער ערשטע טאכטער.

ארום צוואנציג יאר שפעטער זענען ר' שמואל און ר' זושא געווארן מחותנים, ווען דער זון און די טאכטער זענען געווארן חתן-כלה. ביי זייער חתונה איז ווי פארשטייט זיך מכבוד געווארן דער באבובער רבי מיט סידור קידושין, ויהי הדבר לפלא.

'מילה אחת - אמן', עמ' 561

## דועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



ראש הישיבה
הגאון הגדול רבי גרשון איידלשטיין שליט"א

# ענטפערן אמן – איז חיזוק האמונה

ענטפערן אמן איז באקאנט אויף זייער א גרויסער זאך, אין גמרא (שבת קיט ב) ווערט געברענגט דער סוד וואס ליגט באהאלטן אין דעם - א עדות אז דער אויבערשטער איז 'א-ל מלך נאמן', און אויב מען ענטפערט מיט די כוונה, קען מען זיך נישט פארשטעלן דעם גרויסן זכות וואס מען האט!

כדי אינזין האבן ביים ענטפערן ווי עס דארף צו זיין דארף מען גוט צוהערן צו די ברכות און קדישים; צוהערן יעדע ווארט און צוגרייטן די הארץ צו פארשטיין וואס מען זאגט. און עס באקאנט אז אין די כוונה פון ענטפערן אמן זענען געזאגט געווארן אסאך פירושים.

עס איז באקאנט די ווארט פון די גדולי בעלי המוסר אז עס לוינט זיך פאר א מענטש קומען אויף דער וועלט און לעבן זיבציג יאר, אויך נאר כדי זוכה זיין צו ענטפערן איינמאל אמן. נאך זאגן די גדולי עולם, אויב וואלט דער מענטש געוואוסט די מעלה פון ענטפערן אמן, קען מען זיך נישט פארשטעלן די געוואלדיגע שמחה וואס ער וואלט זיך געפריידט מיט דעם. אויב אזוי ליגט אויף אונז זיך מתבונן זיין וואס איז טאקע די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן.

די מקור פון די מצוה פון זאגן מאה ברכות איז אין די ברייתא וואס ווערט געברענגט אין מסכת מנחות (מג ב): "תניא, היה רבי מאיר אומר: חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, שנאמר (דברים י יב): 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה". רש"י ערקלערט (שם ד"ה מה) אז דער פסוק ווערט גע'דרש'נט אויף די גאנג פון 'אל תקרי'; אל תקרי 'מה' אלא 'מאה' - "מאה [ברכות יעדן טאג] ה' אלקיך שואל מעמך".

פון דעם וואס אין דער פסוק וואס איז דער מקור אויף די חיוב פון מאה ברכות שטייט: "כי אם **ליראה**", זעהט אויס אז זיי האבן פארשטאנען אז עס איז דא א שייכות צווישן זאגן מאה ברכות און יראת שמים, און מען דארף פארשטיין וואס איז דער קשר צווישן זיי?

הגה"צ רבי חיים פריעדלענדער זצ"ל ערקלערט, דורך דעם וואס דער מענטש זאגט 'ברוך אתה ה" און זיך מתבונן אין די טייטש פון די ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון מויל, דערמאנט ער זיך אז הקדוש ברוך הוא איז דער האר, און דער מענטש איז ווי א קנעכט וואס דארף ערפילן זיין ווילן. ווען א מענטש חזר'ט זיך דאס איין הונדערט מאל א טאג, ברענגט אים דאס צו שטארקן זיין אמונה און צו יראת שמים.

די מעלה איז אויך פארהאן ביים ענטפערן אמן, אזוי ווי רש"י ערקלערט (סנהדרין קיא א ד"ה מאי) די פראגע פון די גמרא "מאי אמן" - "כשעונין על כל ברכה וברכה אמן, היאך משמע קבלת יראת שמים". ווייל די גאנצע 'אמן' איז א תפילה און בקשה עס זאל פארווירקליכט ווערן די ווערטער פון דער מברך, און אפילו ווען איינער וואונטש אן זיין חבר און זיין חבר ענטפערט אמן אויף זיין ברכה, ווייל זיין כוונה איז צו גלייבן אז אזוי וועט זיין מן השמים, איז דאס א חיזוק אין אמונה און אין יראה, און דורך דעם שטייגט מען העכער אין אמונה און אין יראת שמים.

וועגן דעם ווערט געברענגט אין 'כתר ראש' (אות כה) אין נאמען פון הגר"ח וואלאזשינער: "און אויף אמן אן קיין כוונה האט ער געזאגט אז ער האט נישט געטראפן קיין שום זכות", און ד.מ. אז ענטפערן אמן דארף זיין מיט כוונה און געפיהל, צולייגן הארץ צו א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן. צ.ב.ש. ביי די ברכה בורא פרי העץ - דאנקן הקב"ה אז ער האט באשאפן די פרוכט פון דיביימער. און אין דעם זענען אריינגערעכנט צוויי ענינים פון הודאה, איינס אין די טייטש פון 'מודה על האמת', מיר זענען מודה און טון איינערקענען אז הקב"ה האט באשאפן די פרוכט, און די צווייטע אין די טייטש פון 'תודה', מיר זאגן א דאנק פאר הקב"ה און מיר זענען מכיר טובה אויף דעם וואס ער האט באשאפן און אונז געגעבן די פרוכט, און דאס אלעס דארף מען אינזין האבן ביים ענטפערן אמן.

פון דא לערנען מיר אז יעדע אמן לייגט צו חיזוק אין אמונה און אין יראת שמים, און דער רמב"ם שרייבט דאך אין פירוש המשניות אויף אבות אויף דעם וואס חז"ל זאגן (ג טו): "הכל לפי רוב המעשה"; עס איז ענדערשט צו געבן טויזענט מאל איין מטבע פאר צדקה, ווי צוגעבן אין איינמאל א גרויסע נתינה פון טויזנט מטבעות, ווייל יעדע 'געבן' פארשטארקט אין די הארץ פון דער מענטש די טבע פון ליב האבן חסד. אזוי אויך ביים ענטפערן אמן און זאגן מאה ברכות יעדן טאג, ווי מער דער מענטש דערמאנט זיך אין אמונה, שטארקט זיך מער אין זיין הארץ די אמונה און די יראה.

## מאוצרות אמונים

ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר

### ברכות השחר אין שול

רבי משה בן מכיר בעל 'סדר היום' דערמאנט דער מנהג פון זאגן הויעך די ברכות השחר, כדי מזכה זיין אנדערע מיט ענטפערן אמן, און ערקלערט אויך אז צוליב דעם איז ראוי מען זאל זיי זאגן אין שול און נישט אין שטוב, און דאס זענען זיינע ווערטער ('סדר היום' סדר תפילת השחר):

"דער מנהג צוזאגן 'ברכות השחר' איינס נאכן אנדערן אין שול און נישט אין שטוב, איז ווייל די פלאץ אין די שטובער איז נישט אזוי ריין צוזאגן דארט די אלע ברכות. און נאך, ווייל זיין כוונה איז דארט אויך נישט אזוי ריין, ווייל ער איז נאך פארנומען מיטן שלאף, אדער אנדערע איינרעדענישן, אזוי ווי אין שול וואס די ציטער פון די שכינה און די הייליגע פאלק רוהט אויף אים. און נאך, ווייל ער איז מזכה אנדערע זאלן ענטפערן אמן. צוליב די אלע טעמים איז ראוי אז יעדער ערליכער מענטש זאל זיי זאגן אין שול".

### שטיי אויף זאגן די ברכות השחר

דער 'שפתי צדיק' פון פילץ האט מקפיד געווען זאגן די ברכות השחר שטייענדיג, הויעך און פאר איינער וואס וועט צוהערן און ענטפערן אמן. נאכן ענדיגן זענען אלע מתפללים פון זיין מנין געקומען צו אים ער זאל ענטפערן נאך זיי "אמן" בדחילו ורחימו.

די זון פון די רעביצין וואס דער שפתי צדיק האט חתונה געהאט מיט איר בזיווג שני, ר' ישראל אלפסי, האט פארציילט, אז ווען ער פלעגט קומען קיין טשענסטחוב, באזוכן זיין מוטער, פלעגט ער נעכטיגן ביים שפתי צדיק. פארטאג'ס, פלעגט ער אים אויפוועקן: "ישראל'יקל, ישראל'יקל, שטיי נאר אויף, שטיי אויף זאגן די ברכות השחר, און איך וועל ענטפערן אמן" ('ספר היחס למשפחת אלפסי' עמ' 51).

### 'ברכות השחר' איז א חלק פון תפילת ציבור

דער וואס קוקט נאך די מקור פון די 'יהי רצון' וואס ווערט געזאגט נאך די ברכה המעביר שינה, אין מסכת ברכות (ס ב), וועט זעהן אז מען האט עס מתקן געווען בלשון יחיד; "שתרגילני בתורתך ודבקני במצוותיך...". היינט זאגן מיר די גאנצע סעריע בקשות וואס זענען אריינגערעכנט אין דער 'יהי רצון' בלשון רבים; "שתרגילנו בתורתך ודבקנו במצוותיך...", פארוואס?

נאר מיר זעהן אין גמרא (שם) אז אין זייערע צייטן פלעגט יעדער זאגן די ברכות השחר באלד ביים אויפשטיין פון שלאף, ווען יעדע ברכה ווערט געזאגט אין די צייט וואס דער מברך האט הנאה פון די טובה וואס אויף דעם זאגט ער די ברכה. אויך די 'יהי רצון', ווייל יעדער פלעגט עס זאגן ביי זיך אין הויז, האט מען עס מתקן געווען צו זאגן בלשון יחיד, אזוי ווי א תפילת יחיד. אבער וויבאלד היינט זאגט מען די ברכות השחר אין שול פארן דאווענען, און מען זאגט עס הויעך כדי זיי זאלן מושלם ווערן דורך ענטפערן אמן, ווערט די תפילה פארעכנט ווי א 'תפילת רבים' און דערפאר זאגט מען עס בלשון רבים (סידור 'מקור התפילות' [ר"ב פרידמאן ממישקאלץ] ברכות השחר).

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## די הל' פון אמן יתומה

### ענטפערן אמן נאך די חזרת הש"ץ

**מען דארף ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער שליח ציבור וואס דאוונט איבער, אויך ווען איינער האט זיי נישט געהערט, אבער ער ווייסט וועלכע ברכה האט דער שליח ציבור יעצט אויסגעלאזט. אבער עס זענען דא וואס האלטן, ווייל עס איז א חוב אויפן ציבור צוהערן די הויכע שמו"ע, האט עס א דין פון ברכות וואס דער מענטש איז מחויב אין זיי, און מען מעג נישט ענטפערן אמן אויב מען האט נישט געהערט פונעם שליח ציבור לכל הפחות די אויספיר פון די ברכה, און אויב ער האט יא געענטפערט איז עס א 'אמן יתומה'. די פוסקים שרייבן אז לכתחילה זאל מען אכטונג געבן אויף די דעה און מקפיד זיין צו הערן די ברכות פון שליח ציבור.**

מקורות וביאורים:

דער 'משנה ברורה' (קכד לא; 'שער הציון' שם לג) ברענגט אז דער 'שלחן ערוך' און נאך פוסקים (בדעת הרמ"א) האלטן אז ווייל היינט איז מען נישט יוצא די חוב פון תפילה פונעם שליח ציבור וואס דאוונט איבער די שמו"ע, האט די שמו"ע א דין פון א ברכה וואס מען איז נישט מחויב אין דעם, און אויב מען ווייסט אויף וואספארא ברכה ענטפערט מען יעצט, קען מען ענטפערן, און עס איז נישט קיין 'אמן יתומה'. אבער דער ב"ח (שם, הובא ב'מגן אברהם' שם ג') קריגט און האלט אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך די ברכות פונעם ש"ץ אויב ער האט זיי נישט געהערט פון ש"ץ, כאטש מען איז נישט יוצא יעצט די חוב פון תפילה, אבער ווייל ער איז מחויב זיי צו הערן און ענטפערן אמן, האבן די ברכות א דין ווי א ברכה וואס דער וואס ענטפערט איז מחויב מיט זיי, און אויב ער האט געענטפערט 'אמן' אן צו הערן, ווערט עס גערעכנט ווי א 'אמן יתומה' (ראה 'משנה ברורה' שם לג). אבער דער 'משנה ברורה' (שם) שרייבט אז אויך לויטן ב"ח, דארף מען נישט הערן די גאנצע ברכה פונעם שליח ציבור, נאר עס איז גענוג צו הערן די ענדע, און אזוי שרייבט דער 'כף החיים' (שם מז). דער 'שו"ע הרב' (שם יא), דער 'משנה ברורה' (שם) און דער 'כף החיים' (שם) שרייבן אז לכתחילה דארף מען חושש זיין צו די שיטה פון ב"ח און צוהערן צו די ברכות פון ש"ץ, אבער בדיעבד, אויב ווייסט מען אויף וואספארא ברכה מען ענטפערט יעצט, זאל מען ענטפערן אמן.

אין הגהות רעק"א (שם ג) איז ער זיך מסתפק אויב איינער האט געדאוונט און אויסגעהערט די הויכע שמו"ע ווי עס דארף צו זיין, און נאכדעם איז ער אנגעקומען צו א מנין און וואס האלט ביי די הויכע שמו"ע, צי דארף ער חושש זיין אויף די שיטה פון ב"ח און נישט ענטפערן אמן אן צו הערן ברכה. און ער וויל אננעמען אז אין אזא פאל וועט אויך דער ב"ח מודה זיין אז ער האט א דין פון איינער וואס הערט א ברכה וואס איז נישט מחויב, ווייל א מענטש איז נישט מחויב צו הערן נאכאמאל די הויכע שמו"ע. אבער להלכה בלייבט ער מיט א צריך עיון. אין ספר 'תורת חיים' (שם יא) שטייט אז פון דער לשון הב"ח זעהט אויס אז דער זאך איז נישט געווואנדן אין דער שומע, נאר אין די ברכה, און נאך וואס די חכמים האבן מתקן געווען אז דער ש"ץ זאל איבער דאווענען כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן, אויך דער וואס האט שוין געדאוונט און געהערט די הויכע שמו"ע, זאל נישט ענטפערן אמן אויב ער האט נישט געהערט די ברכה פון שליח ציבור.

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא

### 'יסוד ושורש העבודה'

#### י"ח אדר ב' תקנ"ד



די מצבה פון בעל 'יסוד ושורש העבודה' אין האראדנא

רבי אלכסנדר זיסקינד פון האראדנא איז געבוירן געווארן אין יאר ה'תצ"ט אין ראזינאי, צו זיין פאטער רבי משה. ער האט געלערנט תורה ביי דעם מקובל רבי אריה לייב הלוי עפשטיין בעל ה'פרדס'. זיין נאמען ווערט דערמאנט מיט א הייליגן ציטער, אלס איינער וואס זיין גאנצע לעבן איז געווען ארומגענומען מיט קדושה און פרישות העכער מענטשליכע באגריפן.

די תמצית פון זיינע תורות האט ער איבערגעלאזט אין זיין ספר 'יסוד ושורש העבודה', וואס איז א ספר מוסר וואס לערנט דעם מענטש וויאזוי זיך צו פירן אין דעם טאג-טעגליכן לעבן, און ווערט פארערכנט ווי א 'ספר יסוד' אין מוסר און עבודת ה'. אלעס וואס ער האט געשריבן אין זיין גרויסן ספר, און נאך מער פון דעם, האט ער אליין מקיים געווען. און אזוי שרייבט ער אין זיין צוואה (סי' ה): "מעיד אני עלי שמים וארץ בניי אהוביי שלא נעדר אחת מהנה שלא כוונתי בעצמי בכל התפילות ובכל ההודאות ביתר שאת וביתר עוז, ועוד רבים כהנה וכהנה שלא היה ביכולתי להציג בחבורי כיווני אותם בעזה"ה...".

ער איז ארויפגערופן געווארן צו די ישיבה של מעלה י"ח אדר ב' תקנ"ד, און איז באערדיגט געווארן אויפן בית-עולם אין האראדנא. לויט זיין צוואה האט מען אויסגעקריצט אויף זיין מצבה: "פה נטמן אלכסנדר זיסקינד ב"מ משה, הנולד מאשה רבקה, עובד ה' יתברך.

### ברכות השחר אין שול

אויף די וועג וויאזוי צו זאגן די ברכות השחר, שרייבט דער יסוד ושורש העבודה (שער האשמורת פרק י): "עס איז גוט צו אויסשטעלן די ברכות מ'זאל זיי זאגן אין שול מיט די אנדערע חלקים פון דאווענען, כדי אנדערע זאלן ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, ווייל עס איז זייער גרויס די מעלה פון א ברכה ווען מען ענטפערט אויף דעם אמן... דערפאר איז פאסיג מען זאל אכטונג געבן צו זאגן די ברכות פאר אנדערע ווי ווייט מעגליך עס איז, אזוי וועלן זיי ענטפערן אמן נאך די ברכות".

### זייער זייער אכטונג געבן צו ענטפערן אמן מיט כוונה

אויף די זהירות און הקפדה צו ענטפערן אמן בכוונה שרייבט דער יסוד ושורש העבודה (שער הקרבן פרק ו): "און דער מענטש זאל זייער זייער אכטונג געבן צו ענטפערן אמן, ווייל לויט די גרויסע שכר אויף ענטפערן אמן - אזוי איז אויך דער שטראף רחמנא ליצלן פאר דער וואס געבט נישט אכטונג צו ענטפערן, אדער דער וואס ענטפערט אן אינזין האבן די ריכטיגע כוונה לויט די ברכה, נאר ער זאגט ארויס די ווארט אמן כמצות אנשים מלומדה". און אזוי זאגט ער עדות אויף זיך אין זיין צוואה (סי' טו): "איך בין געווען זייער געווארנט צו ענטפערן אמן נאך יעדער וואס האט געזאגט א ברכה, מיט די כוונה וואס איך האב געשריבן אין מיין ספר, ד.מ. אז איך האב אינזין געהאט ביי די 'אמן' דער שבח פון די ברכה, און איך האב נישט געזאגט 'אמן' אן כוונה, און אויך ענק זאלן זייער אכטונג געבן אויף דעם".